ייִדיש

Unionen



# דאָס איז די יוניאָן

דער גרעסטער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין אינעם שוועדישן פּריוואַטן סעקטאָר

**אַ פּאָר געוויינטלעכע שטעלעס**

צווישן די מיטגלידער פֿון דער
יוניאָן זײַנען פּראָיעקט-אָנפֿירער,
אינזשעניר, אַדמיניסטראַטאָר,
עקאָנאָמיסט, אי״ט-קאָנסולטאַנט,
טעכניקער, בעל-הבית, פֿאַרקויפֿער.
די מיטגלידער אַרבעטן אין דער
וואַרשטאַט-אינדוסטריע, ווי
הורטאָווניקעס, מיט טראַנספּאָרט,
פֿאָרשונג און אַנטוויקלונג, אויף
ביוראָען, טעלעפֿאָניסט-צענטראַלען,
אין דער בוי-אינדוסטריע, דער
כעמישער אינדוסטריע, ווי
קאָנסולטאַנטן, אין ניט־פּראָפֿיט־
אָרגאַניזאַציעס, פֿאַראיינען,
דער אי״ט-בראַנזשע, דער
וואַלד-אינדוסטריע, דער פּאַפּיר-
אינדוסטריע, מיט טעלעקאָם,
עסנוואַרג, מעדיע, פּריוואַטן
ציינדאָקטערײַ און אַזוי ווײַטער.



# ברוכים הבאים צו דער יוניאָן

די יוניאָן איז דער גרעסטער פּראָפֿפֿאַראיין אינעם שוועדישן פּריוואַטן סעקטאָר און דער גרעסטער פּראָפֿפֿאַראיין אין דער וועלט פֿאַר ווײַסקאָלנערניקעס. מיר האָבן איבער 600.000 מיטגלידער, 30.000 פֿון זיי זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן פֿון די מיטגלידער אַליין, פֿון 60.000 פֿירמעס און אָרגאַניזאַציעס. די יוניאָן האָט מיטגלידער אין אַלצדינג פֿון גלאָבאַלע קאָרפּאָראַציעס ביז קליינע משפּחה-פֿירמעס.

## די מיטגלידער פֿון דער יוניאָן

יעדער לוינגעמער אויף אַן אַרבעטסאָרט אין דעם פּריוואַטן סעקטאָר מעגט זײַן אַ מיטגליד פֿון דער יוניאָן, אומאָפּהענגיק פֿון פּאָזיציע, בילדונג אָדער לוין. צוליב דעם אַז די יוניאָן האָט קיין פֿאַרבינדונג ניט צו פּאָליטישע פּאַרטייען קענען מיר תּמיד אַרבעטן מיט די ענינים וועלכע, ניט געקוקט אויף פּאָליטישע אַספּעקטן, רופֿן אַ בעסערע סיטואַציע אויפֿן אַרבעטסאָרט אַרויס פֿאַר אונדזערע מיטגלידער. אונדזערע מיטגלידער אַרבעטן אין דער וואַרשטאַט-אינדוסטריע, ווי הורטאָוויניקעס, מיט טראַנספּאָרט, פֿאָרשונג און אַנטוויקלונג, אויף ביוראָען, טעלעפֿאָניסט-צענטראַלען, אין דער בוי-אינדוסטריע, די וואַלד און פּאַפּיר-אינדוסטריעס, מיט אי"ט און טעלעקאָם, עסנוואַרג, מעדיע, פּריוואַטן צײַנדאָקטערײַ און אויך אין אַ סך אַנדערע בראַנזשעס. עס איז גאַנץ געוויינטלעך – בערך 70% - פֿאַר אַ שוועד צו זײַן אַ מיטגליד פֿון אַ פּראָפֿפֿאַראיין און אָפֿט מאָל ווילן די בעלי-בתּים אַז די אַרבעטער זאָלן זײַן מיטגלידער.

## דער פֿרײַער פֿאַראיין-רעכט אין שוועדן

דער פֿרײַער פֿאַראיין-רעכט אין שוועדן הייסט אַז איר קענט זײַן אַ מיטגליד פֿון וואָס פֿאַר אַ פּראָפֿפֿאַראיין איר ווילט. אײַער בעל-הבית טאָר אײַך ניט פֿאַרהיטן פֿון אַרײַנטרעטן אין אַ פּראָפֿפֿאַראיין. עס איז אַ פֿאַרברעך לויטן פֿרײַען פֿאַראיין-רעכט צו פֿאַרהיטן – עס מאַכט ניט אויס ווי אַזוי – אײַך פֿון אַרײַנטרעטן אין אַ פּראָפֿפֿאַראיין. איר דאַרף ניט ענטפֿערן אויב איר בעל-הבית פֿרעגט אײַך צי איר האָט בכּוונה צו אַרײַנטרעטן אין אַ פּראָפֿפֿאַראיין צי ניט.

## דער שוועדישער מאָדעל

די קאָלעקטיווע אָפּמאַכן זײַנען דער גרונט פֿאַר דעם וואָס מע רופֿט "דעם שוועדישן מאָדעל", דאָס הייסט אַז די פּראָפֿפֿאַראיינען מאַכן אַלדי תּנאָים פֿאַר יעדן סעקטאָר אָפּ צוזאַמען מיט די אָרגאַניזאַציעס פֿון די אַרבעט-געבערס. מחמת דעם אַז די פּראָפֿפֿאַראיינען מיט די אַרבעט-געבערס טראָגן דאָס אַחריות, מישט זיך די רעגירונג ניט אַרײַן אין די פֿאַרהאַנדלונגען – זי קען אָבער ווירקן אויף ווי אַזוי מע פֿירט זיך דורכן געזעץ פֿון אַרבעט-מאַרק. אינעם מאָדעל זײַנען אי בייגיקייט פֿאַר די פֿירמעס אי זיכערקייט פֿאַר די אַרבעטערס.

## קאָלעקטיווער אָפּמאַך

אַ קאָלעקטיווער אָפּמאַך איז אַ פֿרײַוויליקער אָפּמאַך צווישן אַרבעט-געבער און אַרבעטערס וועגן די אַרבעטערס רעכט אויפֿן אַרבעטסאָרט. דער קאָלעקטיווער אָפּמאַך באַשטימט די יערלעכע הוספֿות, לוין פֿאַר איבערשעהען, עקסטרע פֿאַרזיכערונגען, דער רעכט צו האָבן אַ דעה בײַם אַרבעטסאָרט און אַזוי ווײַטער. זענט איר אַן אַרבעטער אויף אַן אַרבעטסאָרט מיט אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך קענט איר זײַן זיכער אַז איר האָט אַ גוטן אָפּמאַך ווען עס קומט צו לוין, מין באַשעפֿטיקונג, אַרבעט-שעהען, וואַקאַציע, רעזיגנירונג און אַ סך אַנדערע. בערך 8 פֿון 10 פֿון די מיטגלידער פֿון דער יוניאָן האַלט אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך און די יוניאָן האָט בערך 100 פֿאַרשיידנע קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די אַרבעט-געבערס אָרגאַניזאַציעס אינעם פּריוואַטן סערטאָר.

## אַרבעטלאָזיקייט-פֿאָנד (אַ-קאַסאַ)

אַ-קאַסאַ און פּראָפֿאַראיין זײַנען פֿאַרשיידנע אָרגאַניזאַציעס. זענט איר אַ מיטגליד אין אַן אַ-קאַסאַ קריגט איר אַ הכנסה אַפֿילו אויב איר ווערט אַרבעטלאָז. דאַן קענט איר קריגן געלט בשעת איר זוכט נאָך אַ נײַער אַרבעט. מיטגידער פֿון אַן אַ-קאַסאַ קענען באַקומען 80% פֿון דער פֿריערדיקער הכנסה (אָבער צום מערסטנס 25.000 קרוינען אַ חודש) בשעת מע זוכט נאָך אַן אַרבעט. מיטגלידערשאַפֿט אין דער אַ-קאַסאַ פֿון דער יוניאָן אָדער פֿון אַן אַנדערער אַ-קאַסאַ הייסט ניט ממילא אַז איר זענט אַ מיטגליד אינעם פּראָפֿאַראיין, אָדער פֿאַרקערט.




## אַלץ קען ווערן בעסער

אין דער יוניאָן באַמיִען מיר זיך כּסדר צו פֿאַרבעסערן און פֿאַרענדערן און אונדזער אַרויספֿונקט איז אַז דאָס איז אַ גוטע זאַך. אונדזער מאָטיווירונג צו אַרבעטן איז די איבערצײַגונג אַז כאָטש דעם אַז אַ סך אַרבעטסאָרטן זײַנען גוטע קענען זיי אַלע מאָל ווערן בעסער. מיר אַרבעטן אַזוי אין דער פֿאַרבעסערונג-בראַנזשע. מיר באַווײַזן אונדזערע מיטגלידער און דער וועלט ווי אַזוי מע – אי אין גוטע, אי אין שלעכטע צײַטן – קען דעם אַרבעטסאָרט, די פּריוואַטע עקאָנאָמיע און זיך אַליין פֿאַרבעסערן און ווי אַזוי די יוניאָן קען זײַן אַ שטיץ.

## די יוניאָן בײַ דער אַרבעט

דער אַרבעטסאָרט איז די וויכטיקסטע אַרענע פֿון דער יוניאָן. דאָרטן איז דאָ די קענטשאַפֿט וועגן די אַרבעטערס סיטואַציע און אונדזער ציל. מיר אַרבעטן צוזאַמען מיט אונדזערע ענינים און פֿאַרהאַנדלען צוזאַמען מיטן אַרבעט-געבער. אין דער יוניאָן זײַנען דאָ בערך 3.200 קלובן און 4.000 אַרבעטסאָרט-פֿאַרטרעטערס. אונדזערע קלובן האָבן אַלץ פֿון פֿינף ביז עטלעכע טויזנטער מיטגלידער.

## די יוניאָן אַרום דעם לאַנד

די יוניאָן באַשטייט פֿון 18 ראַיאָנען, פֿון דער יוניאָן אין נאָרבאָטן ביז דער יוניאָן סידוועסט. אין יעדער ראַיאָן איז דאָ אַ ביוראָ, אָדער עטלעכע ביוראָען. דאָס הייסט אַז מיר זײַנען אין דער נאָענט ווען אָרבעטסאָרטן אין דעם ראַיאָן דאַרפֿן שטיץ. ס'רובֿ ראַיאָנען אַראַנזשירן אַליין קורצן, בילדונגען און אַקטיוויטעטן וועלכע אָפֿט מאָל זײַנען בחינם. באַזוכט unionen.se פֿאַר ווײַטער אינפֿאָרמאַציע.

## דעמאָקראַטיע אין דער יוניאָן

די יוניאָן איז אַן אָרגאַניזאַציע אָנגעפֿירט פֿון די מיטגלידער דורך רעפּרעזענטאַטיווער דעמאָקראַטיע. די מיטגלידער פֿון די קלובן קלײַבן אַ דירעקטאָרן-קאָלעגיע אויס אָדער למשל אַן אַרבעטסאָרט-פֿאַרטרעטער טאָמער מע האָט ניט קיין קלוב אויפֿן אַרבעטסאָרט. דער קאָנגרעס איז די העכסטע באַשליסנדיקע קערפּערשאַפֿט פֿון דער יוניאָן. 260 פֿאַרטרעטערס טרעפֿן זיך יעדע פֿיר יאָר און באַשליסן וואָס די יוניאָן זאָלן ווײַטער אויספֿירן. דער גרונט באַשטייט פֿון פֿירלייגן פֿון מיטגלידער, ראַיאָנען און דער דירעקטאָרן-קאָלעגיע. דער קאָנגרעס באַשליסט אויך וועגן עקאָנאָמיע, סטאַטוטן, מיטגליד-אָפּצאָלן און קלײַבט די דירעקטאָרן-קאָלעגיע אויס.

### לאָזט אַבי וועו איבער אַ פֿירלייג!

יעדער מיטגליד פֿון דער יוניאָן קען איבערלאָזן אַ פֿירלייג צו זײַן קלוב, ראַיאָן-ראָט, פֿאַראיין-ראָט און דעם קאָנגרעס. דערצו קענען אַלע מיטגלידער אַבי ווען איבערלאָזן אַ פֿירלייג צו דער דירעקטאָרן-קאָלעגיע פֿון דער ראַיאָן אָדער דעם פֿאַראיין. זיי וועלן נאָך דעם ענטפֿערן אין ניט מער ווי דרײַ חדשים.

## די אָנפֿירערס פֿון דער יוניאָן

די דירעקטאָרן-קאָלעגיע פֿונעם פֿאַראיין פֿירט אָן די אַרבעט פֿונעם פֿאַראיין צווישן די קאָנגרעסן און האָט בכלל 13 מיטגלידער, וועלכע מע קלײַבט אויס אויפֿן קאָנגרעס. אַ פֿאַראיין-ביוראָ מיט אָנגעשטעלטע עקספּערטן שטיץ די דירעקטאָרן-קאָלעגיע אונטער ווען עס קומט צו למשל פֿאַרהאַנדלונגען, קאָנסולטאַציעס, יוריספּרודענץ, סיטואַציע בײַ דער אַרבעט, בילדונג, קאָמוניקאַציע, אַדמיניסטראַציע און אַזוי ווײַטער. מע געפֿינט דעם ביוראָ אויף אָלאָף פּאַלמעס גאַטאַ אין שטאָקהאָלם.

## הצלחהדיקע נאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט

די יוניאָן איז אַ מיטגליד פֿון דער אַרבעטעט-נעמערס צענטראַל-אָרגאַניזאַציע, TCO, וואָס ווירקט אויף פּאָליטיקאַנטן לויט די אינטערעס פֿון די אַרבעט-נעמערס פּראָפֿפֿאַראיינען. די יוניאָן איז אויך אַ מיטגליד פֿון PTK, אַן אָרגאַניזאַציע פֿאַר פֿאַרהאַנדלונג און קאָאָפּעראַציע מיט 25 פּראָפֿפֿאַראיינען מיט אַ פֿאָקוס אויף פּענסיע און פֿאַרזיכערונג-ענינים. די פֿראָפֿפֿאַראיינען אין דער אינדוסטריע – אַ צוזאַמענאַרבעט פֿון פֿאַרהאַנדלונג צווישן זעקס פּראָפֿפֿאַראיינען וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דעם אינדוסטריע-אָפּמאַך - איז נאָך אַ בײַשפּיל פֿון קאָאָפּעראַציע. דער אינדוסטריע-אָפּמאַך באַשטימט ווי אַזוי מע פֿאַרהאַנדלט אין דער אינדוסטריע-סבֿיבֿה און האָט אַרויסגערופֿן סטאַבילקייט, אָרדענונג און אַ רעעלע לוין-אַנטוויקלונג. די אַרבעט-נעמערס קאָאָפּעראַציע-אָפּמאַך איז נאָך אַ צוזאַמענאַרבעט. פֿינף אַרבעט-געבער-אָרגאַניזאַציעס און זעקס פּראָפֿפֿאַראיינעם, צווישן זיי די יטניאָן, באַווײַזן דעם פּריוואַטן סעקטאָרס באַטײַט פֿאַר דער שוועדישער עקאָנאָמיע.

## די יוניאָן איז וויכטיק אין אויסלאַנד

אַ סך פֿון די מיטגלידער פֿון דער יוניאָן אַרבעטן הײַנט אין פֿירמעס וועלכע האַנדלען אויף אַ גלאָבאַלן אַרבעט-מאַרק. ווען פֿירמעס און אַרבעט-מאַרקען מעקן די גרענעצן אויס ווערט די אַרבעט און קאָאָפּעראַציע פֿון פּראָפֿפֿאַראיינען אַלץ וויכטיקער. די אויפֿגאַבע פֿון דער יוניאָן איז צו אַרבעטן לויטן אינטערעס פֿון די מיטגלידער און גרייכן זיך דערמיט איבער די שוועדישע גרענעצן. מיר אַרבעטן צו ווירקן אויף די אַרענעס ווו מע מאַכט באַשלוסן, אי אין אייראָפּע אי אויף אַ גלאָבאַלן ניוואָ. מחמת דעם אַז מיר ווילן למשל פֿאַרמערן די רעפּרעזענטאַציע פֿון אייראָפּעישע פֿירמעס, אונטערשרײַבן נאָך מער אייראָפּעישע און גלאָבאַלע אָפּמאַכן כּדי צו ווירקן אויף פּאָליטיקאַנטן אין די באַשליסנדיקע קערפּערשאַפֿטן פֿון דעם איי"פֿ. מיר אַבעטן צוזאַמען מיט אויסלענדישע פּראָפֿפֿאַראיינען און מיר זײַנען אַ מיטגליד פֿון אַ סך אינטירנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס.



אַחוץ אונדזער מיטגלידערשאַפֿט פֿאַר אַרבעט-
נעמערס אינעם פּריוואַטן סעקטאָר באַגריסן מיר
אויך איינציקע געשעפֿט-פֿאַרמאָגערס און שטודענטן.
בעלי-בתּים קענען אויך ווערן מיטגלידער. מע קען
אויך ווערן אַ גאַסט-מיטגליד אויב מע האָט צושטאַנד
צו אַרבעטן אין שוועדן און איז אַ בירגער פֿון אַ לאַנד
וואָס איז ניט קיין מיטגליד פֿונעם איי"פֿ/אייראָפּעישן
עקאָנאָמישן ראַיאָן און שווייץ.
לייענט ווײַטער אויף unionen.se.

# קלינגט די
# יוניאָן אָן
# 0770-870 870

מיר ענטפֿערן אײַערע פֿראַגעס וועגן דעם
אַרבעטסלעבן און אײַער מיטגלידערשאַפֿט.

גיט אַכטונג אַז אונדזערע קאָנסולטאַציעס זײַנען אויף שוועדיש. איר קענט אָבער אָפֿט מאָל באַקומען אַ קאָנסולטאַציע אויף ענגליש, געווענדט אין ווער אַרבעט אויף דעם טאָג. ווילט איר אַ קאָנסולטאַציע אויף אַן אַנדער שפּראַך וועלן מיר טאָן וואָס מיר קענען צו העלפֿן אייך.

איר קענט אויך געפֿינען ענטפֿערס אויף unionen.se ווו טייל אינפֿאָרמאַציע איז דאָ אויף ענגליש.

Tnr: 2465-1 Produktion & Tryck: Unionen mars 2016 Det här är Unionen på jiddisch.

**מיר זײַנען דאָ אין:** באָרלענגע, באָראָס, געוולע, געטעבאָרג, העלסינגבאָרג, יענקעפּינג, קאַלמאַר, קאַרלסהאַמן, קאַרלסטאַד, לינקעפּינג, לולעאָ, מאַלמע, שעלעפֿטעאָ, שעוודע, שטאָקהאָלם, סונדסוואַל, סעדערטעליע, טראָלהעטאַן, אומעאָ, אופּסאַלאַ, וויסבי, וועסטעראָס, וועקשע, ערעבראָ.